תולדותיהם של חסידים:

קורצע שטריכן איבער דעם חסיד'ישן תורה-ריז

# הגאון הגדול רבי שמואל אברהם בלעכמאן ז"ל אב"ד קאנסטאנטין-ישן,

באקאנט אלס

# רבי אלטר קאנסטאנטינער

צו זיין יארצייט
י"ט אלול (תר"ע)

## תולדותיו בקצרה

הגאון הגדול רבי אלטר קאנסטאנטינער איז געבוירן בערך אין יאר תקפ"ז צו זיין פאטער הגאון הגדול רבי יהושע בלעכמאן רב ומו"ץ בק"ק קאמעניץ (נפטר בשנת תרל"ג), ער האט געשטאמט פון די גרויסע גאוני ישראל דער פני יהושע און דער מהרש"א. פון יונגווייז אן איז שוין רבי אלטר געווען שטארק דבוק צו הרה"ק ר' יעקב יוסף (השני) מאוסטראה (וועלכער איז נסתלק געווארן כ"ג תמוז תר"ח). אין יאר תר"כ בערך איז רבי אלטר געווארן אויפגענומען אלס רב פון די שטאט קאנסטאנטין-ישן, וועלכע איז געווען פון די גאר חשוב'ע קהלות אין פאדאליע. ער האט דארט משמש געווען ברבנות במשך א תקופה פון פופציג יאר, און איז געווען באקאנט אלס איינער פון די גרעסטע גדולי הדור. י"ט אלול תר"ע איז רבי אלטר נסתלק געווארן נאך א קורצע מחלה. פון זיינע קינדער זענען אונז באקאנט צוויי זין וועלכעביידע זענען ליידער אוועק בחייו: א] רבי יעקב יוסף (וועלכער האט ווארשיינליך געהייסן נאך זיין רבי'ן דער אוסטראה'ר). ער האט חתונה געהאט מיט אן אייניקל פון הרה"ק ר' אברהם דוב מחמעלניק. פאטער פון הגאון רבי מרדכי יהודא ליב בלעכמאן וועלכער האט איבערגענומען די רבנות אין קאנסטאנטין. ב] רבי ברוך ארי'. פאטער פון הגאון רבי דוד בלעכמאן רב פון שטאט סאבאליווקע. ווי אויך ווערט דערמאנט זיין איידעם רבי משה קליינשוויג וועלכער האט געוואוינט סמוך על שולחנו און אים צוגעהאלפן מיט די רבנות פון שטאט.

## מסתופף בצל הקודש

כ"ק מרן אדמו"ר זצ"ל האט דערציילט: רבי אלטר קאנסטאנטינער פלעגט פארן קיין אוסטראה זיך מסתופף זיין בצל קדשו פון הרה"ק ר' יעקב יוסף מאוסטראה. פארצייטנס פלעגט אזא נסיעה נעמען א לענגערע צייט און עס איז געווען א שטארקע טלטול הדרך. אמאל איז אים דורכגעלאפן א מחשבה אז ווען ער זיצט ווען אינדערהיים וואלט ער דאך געקענט פיל מער לערנען פון וויפיל ער קען יעצט לערנען אויפן שווערן וועג. די מחשבות האבן אים גורם געווען חלישת הדעת, כאטש ער אליינס האט נישט געהאלטן אז ער דארף זיך צוריקהאלטן פון פארן, און ער האט חלילה פאר קיינעם נישט איבערגעזאגט וואס ער טראכט, האבן אים אבער די מחשבות געדרוקט.

אנקומענדיג צום אסטראה'ער, רופט זיך דער אסטראה'ער אן צו אים: דו קענסט דאך לערנען! וואס איז די הלכה אויב א "חיה דורסת" [פארציקנדע חיה] גייט אריין אין א "לול של תרנגולים" [שטייג פון הינער]. האט רבי אלטר געענטפערט אז די הלכה איז אז אלע הינער זענען א ספק טריפה, ווייל עס איז דא א חשש אז די חיה האט געמאכט אויף זיי "דריסה", און זיי פאר'סמ'ט מיט די גיפט וואס איז אונטער זייערע נעגל.

פרעגט אים ווייטער דער אסטראה'ער: און וואס וועט זיין די הלכה אויב א חיה וואס איז א "בן תרבות", עס איז געהאדעוועט צווישן מענטשן, גייט אריין אינעם שטייג. האט רבי אלטר דערויף געענטפערט, אז דעמאלטס דארף מען עס נישט בודק זיין, ווייל א "בן תרבות" איז נישט דורס.

זאגט אים דער אסטראה'ער: עס שטייט דאך אין פסוק, ועיר פרא אדם יוולד, א מענטש ווערט געבוירן ווי א ווילדע חיה, ממילא איז ער דאך אזויווי א דורס, נאר אויב ער דרייט זיך ביי צדיקים ווערט ער דורכדעם אויסגעאיידלט און ווערט גערעכנט ווי א "בן תרבות". אויב אבער בלייבט ער זיצן אין שטוב, בלייבט ער ווייטער א חיה דורסת.

האט רבי אלטר פארשטאנען אז דער אסטראה'ער האט תופס געווען זיין מחשבה, און דערמיט האט ער אים פארענטפערט דאס וואס האט אים געדרוקט אין הארצן.

## התקשרות צדיקים.

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דערציילט: כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז רבי אלטר'ל קאנסטאנטינער זצ"ל איז געווען אן אוסטראה'ער חסיד א גרויסער בר דעת. ער איז איינמאל געווען אין סקווירא אויף שבת [ווען ער האט געוויילט דארט צוליב א דין תורה], און פרייטאג צונאכטס בשעת קידוש איז ער געשטאנען קעגן איבער רבי איציקל סקווערער און ער האט זיך איינגעקוקט אין פנים בשעת קידוש, (ווי ס'איז באקאנט אז זיין צורה האט שטארק געלויכטן בשעת קידוש).

ער איז דאך געווען א שטארקער אוסטראה'ער חסיד, און דער קידוש האט אים אזוי געכאפט אז ער האט מורא געהאט טאמער ער וועט ח"ו צוקומען צו א חשש פון א 'מהרהר אחר רבו', ער האט מורא געהאט אז ס'וועט אים עפעס קוועטשן... האט ער נישט געוואלט בלייבן ווייטער, און תיכף נאך קידוש איז ער אנטלאפן פון דארט, ער איז נישט ארויס דורכ'ן טיר, נאר ער איז אנטלאפן דורך א זייטיגע פענסטער, און ער איז מער נישט צוריקגעקומען! "חסידים פון פארצייטענס"...

## דביקות בתורה

דער טעפליקער רב פלעגט דערציילן, אז זיין רבי, רבי אלטר קאנסטאנטינער פלעגט שלאפן בלויז צוויי-דריי שעה, און אפילו בשעת'ן ליגן אין בעט האט מען געקענט הערן ווי ער רעדט אין לערנען, און ברענגט ראיות אדער סתירות צו די פסקים פון די פריערדיגע פוסקים. (ישיבת קעשינוב עמ' 31)

## גדלותו בתורה

מען פלעגט זאגן אויפן רבי אלטר קאנסטאנטינער אז אויב ער האט עפעס געזען איין מאל אין א ספר, האט ער דאס געדענקט פאר צען יאר. אויב האט ער איבערגעקוקט א צווייטן מאל, האט ער דאס שוין געדענקט אויף אייביג. ער פלעגט נישט קויפן קיין ספרים, נאר ער פלעגט באצאלן פארן רעכט עס צו קענען דורכלערנען, און דערנאך האט ער דאס שוין נישט פארגעסן. (ישיבת קעשינוב עמ' 31)

## כל התורה כולה

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א דערציילט: כ'האב געהערט פונעם טאטן ז"ל, אז הגה"ח ר' אלטר קונסטאנטינער זצ"ל איז געווען דער רבי פון כמעט אלע גדולים פון אוקריינא, ער האט געדענקט "כל התורה כולה". ער איז געווען דער רבי פון די אלע רבנים אין אוקריינא: דער טעפליקער רב זצ"ל, דער אומאנער רב זצ"ל און פון רבי ישראל אייזנשטיין זצ"ל בעל עמודי אש וכו'.

## העמיד תלמידים הרבה

פאלגנד איז א טיילווייזע רשימה פון רבנים וועלכע האבן גענומען סמיכה פון רבי אלטר: רבי אהרן יהודא ליב שוחיט רב בק"ק מאראוונע-קריליוויץ, רבי אהרן יוסף שאמעס רב בק"ק ראקיטנא, רבי זוסיא גרינשפאן רב בק"ק סטאנאוו, רבי חיים הכהן חריף רב בק"ק גרידונג, רבי יאיר לערנער רב בק"ק לאבון, רבי יהושע העשיל ראבין רב בק"ק ליטין, רבי ישראל אייזנשטיין רב בק"ק באהאפאלי, רבי ישראל חיים הלוי גארבאטע רב בק"ק קולטשין, רבי ישראל טארלע רב בק"ק וויניצא, רבי לוי שטערנבערג רב בק"ק דאמבראווני, רבי מרדכי ארי' באראמשענקא רב בק"ק זוועניגראדקא, רבי מרדכי יהודא ליב בלעכמאן רב בק"ק קאנסטאנטין-ישן, רבי מרדכי שמשון ראבינאוויץ רב בק"ק אושיצא-ישן, רבי משה צוקערמאן רב בק"ק אקירמאן, רבי נחום ליבערזאהן רב בק"ק קלושקעוויץ, רבי צבי חיים פרידמאן רב בק"ק שארובקא, רבי שלום יוסף פייגענבוים רב בק"ק לאקאטש, רבי שלום מלמד רב בק"ק אומאן, רבי שלמה אברהם אווערבוך רב בק"ק קאזמין, רבי שמחה הכהן בארשטין רב בק"ק פראמפיל, רבי שמשון אהרן פאלאנסקי רב בק"ק טעפליק.

## אוי אוי אוי, נגד שמא!

הג"ר אלטר זצ"ל איז געווען רב אין קונסטאנטין און איז געווען ממש פון די גרעסטע גאונים און פוסקים בדורו, אבער ער איז געווען אן "ענוותן" וואס די וועלט האט נישט געזען!

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז רגיל צו דערציילן די פאלגנדע עובדא: דער טאטע ז"ל האט מיר נאכגעזאגט - און ער פלעגט דאס נאכזאגן מיט אזא ברען! כ'קען נאר נאכזאגן די ווערטער, אבער נישט דער 'אופן' וויאזוי דער טאטע ז"ל האט דאס געזאגט - אז ס'איז געווען אמאל א פוילישער איד פון ווארשא וואס האט געדארפט פארן אויף מסחר אין יענע געגענט. פארצייטענס פון ווארשא קיין קונסטאנטין האט מען מסתמא געדארפט פארן אפאר טעג מיט א פערד און וועגעלע, און וויבאלד ער האט געהערט אין ווארשא אז ס'איז דא אין אוקריינא עפעס א גדול וואס מ'קען אים ממש נישט כאפן מיט קיין טעות, ער געדענקט כל התורה כולה - האט ער זיך מיישב געווען און ער האט געמאכט דעם וועג אזוי אז ער זאל קענען אריינפארן אין קונסטאנטין און אים זען.

ווען ער איז אריינגעקומען צו רבי אלטר'ל, פרעגט אים רבי אלטר'ל: פארוואס ביסטו געקומען? זאגט ער: כ'בין באמת פון ווארשא און כ'בין געקומען אויף מסחר דא אין דעם געגנט, און כ'האב געהערט אז ס'איז דא אזא גדול ווי 'רבי אלטר קונסטאנטינער', האב איך אים געוואלט זען. ווען ער האט דאס געזאגט, האט רבי אלטר'ל אנגעהויבן צו פארפירן אזויוי מ'וואלט אים אנגעגאסן מיט הייסע וואסער: "אוי אוי אוי, מ'האט געהערט פון מיר אין ווארשא?! אוי ווי ווי, 'נגד שמא, נגד שמא'!". ער האט גענומען ציטערן מיט איין פחד און ער האט זיך נישט געקענט בארואיגן... ס'האט אים ווי געטון עד דכדוכה של נפש אז מ'האט געהערט פון אים אין ווארשא! ס'איז אן אנדערע וועלט געווען..."

## וויאזוי ווערט מען א מורה הוראה

אין שטאט זוועניגראדקא איז געווען דער רבי הגאון החסיד רבי מרדכי ארי' בארמאשענקא, באקאנט אלס רבי מאטל דיין, ער איז געווען א תלמיד פון רבי אלטר קאנסטאנטינער. דער רבי מאטל דיין האט דערציילט: ווען איך האב באקומען סמיכה פון מיין רבי'ן רבי אלטר, נאכן מיר פארהערן, האט מיר רבי אלטר אנגעזאגט, יעצט זאלסטו זיך זעצן לערנען יעדן טאג אכצן שעה אין מעת לעת פאר א תקופה פון צען יאר, און אז דו וועסט אזוי טון, וועסטו זיין גרייט צו זיין א מורה הוראה פאר אידן.

יארן שפעטער ווען הרב החסיד ר' מאניע ז"ל האט גענומען סמיכת הוראה פון רבי מאטל דיין, האט אים רבי מאטל דאס דערציילט, און ער האט אויסגעפירט: איך קען דיר נישט הייסן אזוי צו לערנען פאר צען יאר, אבער לכל הפחות צוויי יאר זאלסטו לערנען אכצן שעה א מעת לעת, וועסטו

**א תשובה בהלכה וואס הגאון רבי אלטער ז"ל האט געשריבן צו א שואל**

קענען זיין א מורה הוראה. (רבי מאניע פלעגט ע[illegible]ן מיט זיין עניוות: איך האב נישט געפאלגט, דעריבער בין איך נישט ראוי צו זיין א מורה הוראה).

## שר המסכים

פיל ספרים וועלכע זענען געדריקט געווארן בימים ההם האבן געהאט די הסכמה פון רבי אלטר. עס איז מערקווירדיג אנצוצייכענען וואס א מחבר ספר שרייבט וועגן די הסכמה וואס ער האט באקומען פאר רבי אלטר: "נאכן זיך אראפלייגן פאר דעם מיטאג שלאף פון "פופצן מינוט", ווי זיין געוואוינהייט יעדן טאג, האט ער זיך איינגעשפארט אין א שטוב פאר א האלבע שעה, און דורכגעקוקט דעם ספר וואס איך האב אים געגעבן. דערנאך איז ער ארויסגעקומען און מיר געזאגט: "עס איז געזונט גערעדט". (לשון השואל בשו"ת נשמת חיים סי' מ').



מציבת רבי חיים הכהן חריף מגריידונג תלמיד של רבי אלטר

אים מסביר זיין די תשובה.

שרייבט אים רבי אלטר צוריק אז ער זאל נאכקוקן אין הלכות גיטין סי' קכ"ט אין באר היטב ס"ק מ"ה.

אז דער רב האט דארט נאכגעקוקט, האט ער שוין פארשטאנען די תשובה פון רבי אלטר. דער באר היטב ברענגט דארט א ראיה אז מען שרייבט בתשבע אין אייןווארט, פון א גמרא אין סנהדרין וואס זאגט "באותה שעה קינחה בתשבע בשלשה עשר מפות", און רש"י איז מסביר פון וואו נעמט די גמרא צו זאגן דרייצן מפות, ווייל אין פסוק שטייט דרייצן ווערטער. זאגט דער באר היטב אז אויב מען שרייבט בת שבע ווי צוויי באזונדערע ווערטער וועט דאס דאן זיין פערצן ווערטער.

דאס האט רבי אלטר מרמז געווען אין זיין קורצע תשובה. (שרשרת זהב עמ' כב).

## די לחכימא ברמיזה

א רב האט אמאל מסדר געווען א גט, און דערנאך האט ער באמערקט אז ער האט געשריבן די נאמען "בת שבע" ווי צוויי באזונדערע ווערטער, און נישט אין איין ווארט "בתשבע". האט ער געשיקט אנפרעגן פון רבי אלטר וואס די הלכה איז.

רבי אלטר האט אים געענטפערט א קורצע תשובה: תמכתי יתידותי בשלש עשרה תיבות".

דער רב האט באקומען דעם ענטפער, אבער ער האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט. האט ער נאכמאל געשריבן צו רבי אלטר, און אים געבעטן אז ער זאל

מודעה משנת תרעא על הדפסת התשובות של רבי אלטר

## לזכר עולם יהיה

פאלגנד איז א מזכרת וואס איז געשריבן געווארן ווען רבי אלטר איז נסתלק געווארן:

"אבידה גדולה אבדה לעדת היהודים בקונסטאנטין ישן ועמה יחד גם להרבנות הדתית ברוסיה בכלל. ברגע זה נסתם הגולל על קברו של אדם גדול בדורנו, על אחד מבני העליה שהמה מועטים. מת הרב הגאון שמואל אברהם בליכמאן הראב"ד דפה, הנודע בכל הגליל בשם "רבי אלטר מקונסטאנטין".

חמשים שנה נשא במשרת אב"ד בעירנו, והיה עם זה רבם של כל בני הגולה. הוא היה אחד הרבנים הגדולים ברוסיה, פנו אליו בשו"ת מכל פנות ארצינו וביחוד מנגב רוסיה. רבי אלטר הצטיין בבקיאותו הנפלאה בכל רחבי התלמוד והפוסקים הראשונים והאחרונים, הצטיין בחריפתו ובשכלו וברוב צדקותיו. היה עניו גדול מאוד, אבל עם זה הצטיין ברוחו העז וכל רוחות שבעולם לא העבירוהו על דעתו.

הוא היה מכובד וחביב מאוד אצל כל הגאונים הגדולים כמו ריא"ס מקובנה, הגדול ממינסק, הגאון מבריסק וכו' וכו'. כמו שיעידו המכתבים הרבים שקיבל מהם רבי אלטר לעתים תכופות.

כבן פ"ג שנה היה במותו ועד השעה האחרונה לא אבד את בינתו, אם כי חלה מחלה אנושה בימיו האחרונים.

היום בבוקר לווהו לבית עולמו בכבוד גדול מאוד, כל החנויות היו סגורות.

## דער גרויסער תלמיד: דער טעפליקער רב

איינער פון די גרויסע תלמידים פון רבי אלטר קאנסטאנטינער, איז געווען הגאון הגדול רבי שמשון אהרן פאלאנסקי אב"ד טעפליק, ווי ער באצייכנט דאס אין זיין מגילת יוחסין וואס ער האט געשריבן אין יאר תרפ"ה נאך וואס ער איז ארויף קיין ארץ ישראל: "אנכי כעת בן ארבעים ותשעה שנים, זה כחמש ועשרים שנה [=שנת תר"ס] קבלתי סמיכה מהרב הגאון המפורסם ה"ר שמואל אברהם בלכמאן הנקרא בפי כל ה"ר אלטיר קאסטאנטינער אשר אני נחשבתי לתלמיד מובהק אצלו, ונתקבלתי לרב בעיר מדבין באוקרינה מחוז קיוב ואח"כ נתקבלתי לרב בעיר טפליק מחוז פאדאל, ולאחר כל הצרות שעברו בע"ה באתי הנה ירושלים עיה"ק תותבב"א".

ווי באקאנט איז דער טעפליקער רב געווען אנגענומען אלס דער פוסק פון ירושלים, און פיל רבנים אין ארץ ישראל האבן מקבל געווען זייער דרך ההוראה און שימוש פונעם טעפליקער רב, אזוי ציט זיך ווייטער די מסורת ההוראה פון רבי אלטר קאנסטאנטינער.

צו באמערקן, אז אויפן וועג ארויף קיין ארץ ישראל, האט דער טעפליקער רב זיך אויפגעהאלטן א משך זמן אין קעשינוב (בערך אין יאר תרפ"ב) און ער האט דאן געדינט אלס איינער פון די ראשי ישיבה אין די בארימטע קעשינובע ישיבה. כ"ק מרן אדמו"ר זצוקללה"ה האט יענע צייט אויך געוואוינט אין קעשינוב, נאכן אנטלויפן פון רוסלאנד מיט זיין מוטער און די גאנצע משפחה, און דער טעפליקער רב פלעגט דארט אסאך קומען צו זיי אין שטוב, און מרן זצ"ל האט דעמאלטס געהערט כמה סיפורים וואס דער טעפליקער רב האט דערציילט פון זיין גרויסן רבי'ן רבי אלטר קאנסטאנטינער, צווישן זיי פארשידענע ווערטער פון זיין זיידע רבי יעקב יוסף מאוסטראה זצ"ל.